ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# מכות

בלשון הקודש
ואידיש

**274**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת מכות

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש
בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל
בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען
יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה
לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את
הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי
ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על
עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א׳.

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

הבעל. ועדיין היא בדקך. תו לא קרינא בה ובועלה. בית אביה:

סליק מסכת סנהדרין

שכל הזוממין מקדימין לאותה מיתה. חוץ מזוממי בת כהן ובועלה:

סליק מסכת סנהדרין

# מכות פרק א

**ביצד** העדים נעשים זוממין. הכי קאמר אותן עדים שנמצאו זוממין. ואין עושין בהן דין הזמה כלומר שאין מקיימין בהם ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו. כיצד הם נעשים זוממין: מעידין אנו באיש פלוני כהן שהוא בן גרושה. בפנינו נתגרשה אמו קודם שנולד והרי הוא חלל: אין אומרים. אם תחמו והם כהנים יעשה זה בן גרושה

**ביצד** העדים נעשים זוממין. מעידין אנו באיש פלוני שהוא בן גרושה או בן חלוצה. אין אומרים

---

בת כהן) אויב צוויי עדות (ראובן אונ שמעון) האבין גיזאגט אויף לוי אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אטאכטער פון אכהן וואס זיא האט אמאן. האבין זייא גיוואלט דיא טאכטער פון כהן זאל מען פאר ברענגען. אונ לוי זאל מען דער ווערגין. דער נאך זענען גיקומען אנדערע צוויי עדות (דן אונ נפתלי) אונ האבין גיזאגט צו ראובן מיט שמעון. ווי אזוי קענט איר זאגין אז איר האט גיזעהן דיא שעה האט לוי מזנה גיוועזן מיט אטאכטער פון אכהן וואס האט אמאן. דיא שעה זענט איר נאר גיוועזן מיט אונז אויף איין אנדער ארט. דארף מען ראובן אונ שמעון דער ווערגין (ובועלה) אויב איינער האט מזנה גיוועזן מיט אטאכטער פון אכהן וואס זיא האט אמאן. דארף מען אים דער ווערגין (שכל הזוממין מקדימין לאותה מיתה) ווארום דיא עדות וואס מען מאכט זייא פאר ליגנער. דארף מען זייא הרגנן דיא זעלבינע מיתה וואס זייא האבין גיוואלט מען זאל יענעם הרגנן (חוץ מזוממי בת כהן ובועלה) נאר אז זייא האבין גיוואלט מען זאל הרגנן דיא טאכטער פון אכהן. מען זאל איר פאר ברענגען. אונ דעם וואס האט מיט איר מזנה גיווען זאל מען דער ווערגין. אונ זייא זענען גיווארין ליגנער. הרגנת מען ניט דיא עדות מיט דיא מיתה וואס זייא האבין גיוואלט מען זאל איר הרגנן :. נאר מיט דיא מיתה וואס זייא האבין גיוואלט מען זאל אים הרגנן :

פרק א א (ביצד העדים נעשין זוממין) דיא עדות וואס זענען גיווארין ליגנערס. אויב מען קען זייא ניט שטראפין מיט דיא זעלבינע שטראף וואס זייא האבין גיוואלט יענעם שטראפין. מיט וואס זאל מען זייא שטראפין. אויב דיא עדות זאגין (מעידין אנו באיש פלוני שהוא בן גרושה או בן חלוצה) מיר זאגין עדות אויף דעם כהן אז ער איז אזוהן פון אגרושה. מיר האבין אליין גיזעהן אז אין דעם טאג איז דיא אשה גיגט גיווארין פון איר ערשטין מאן. אדער זייא זאגין ער איז אזוהן פון אחלוצה. מיר האבין אליין גיזעהן אז אין דעם טאג האט מען גיגעבין דיא אשה חליצה. אונ דער פאטער זייגער האט חתונה גיהאט מיט דיא גרושה. אונ דער זוהן איז גיבאהרין פון דיא גרושה. אדער זייא זאגין דער פאטער האט חתונה גיהאט מיט דיא חלוצה. אונ דער זוהן איז גיבאהרין פון דיא חלוצה. איז ער פסול צוא דיא כהונה. אונ זיינע קינדער אונ זיינע קינדערס קינדער ביז אייביג זענען פסול צוא זיין כהנים. דער נאך זענען גיקומען אנדערע עדות אונ זאגין צוא דיא עדות וויא אזוי

לקיים בו כאשר זמם דהא כתיב (דברים יט) ועשיתם לו כאשר זמם. לו ולא לזרעו. ואם תעשהו חלל והוא כהן פסלת את זרעו לעולם. ואם תאמר נפסול אותו לבדו ולא לזרעו. בעינן כאשר זמם לעשות וליכא. שהרי הוא זמם לפסול הנדון ואת זרעו: אלא לוקה ארבעים. דא״ק (שם כה) והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע. משום דהרשיעו את הרשע. והיה אם בן הכות הרשע. אלא עדים שהרשיעו את הצדיק

ואתו עדי אחריני והצדיקו את הצדיק דמעיקר׳ ושויוהו להאי רשעים. והיה אם בן הכות הרשע: אין אומרים יגלה זה. דכתיב ברוצח (שם יט) הוא ינוס הוא ולא זוממיו: שגרש את אשתו. בפנינו ביום פלוני. וזה אומר לא גרשתיה ואיני חייב לה כתובה: והלא בין היום ובין למחר. כלומר מה ישלמו לו. א״ת כל הכתובה והלא שמא ימות או שמא יגרשנה היום או למחר וסופו ליתן לה. נמצא שלא היו מפסידין אותו כלום: אומדים כמה אדם

יעשה זה בן גרושה או בן חלוצה תחתיו. אלא לוקה ארבעים. מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לגלות. אין אומרים יגלה זה תחתיו. אלא לוקה ארבעים. מעידין אנו באיש פלוני שגירש את אשתו ולא נתן לה כתובתה. והלא בין היום ובין מחר. סופו ליתן לה כתובתה. אומדין כמה אדם רוצה ליתן בכתובתה של זו.

---

קענט איר זאגן אז איר האט געזעהן דעם טאג האט דיא אשה גענומען חליצה. אדער אין דעם טאג איז זיא געגט געווארין. אין דעם טאג זענט איר גאר געוועזן מיט אונז אין איין אנדער שטאט (אין אומרים יעשה זה בן גרושה או בן חלוצה תחתיו) זאגן מיר ניט אז דיא עדות ואויב זייא זענען כהנים זאלין פסול ווערין צוא דיא כהונה אזוי וויא אזוהן פון א גרושה אדער פון א חלוצה איז פסול (אלא לוקה ארבעים) נאר מען שלאגט זייא פערציג מלקות ווייל זייא האבין געזאגט פאלשע עדות (מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לגלות) צווייא עדות זאגין מיר האבין געזעהן אז אין דעם טאג האט ראובן געהרגת א מענטש אומגעברין. דארף מען אים פאר טרייבין פון זיין שטאט. דער נאך זענען געקומען אנדערע צווייא עדות אונ זאגין צוא דיא ערשטע עדות. וויא אזוי קענט איר זאגין אז איר האט געזעהן דעם טאג האט ראובן געהרגת א מענטש. דעם טאג זענט איר גאר געוועזן מיט אונז אוף איין אנדער ארט (אין אומרים יגלה זה תחתיו) זאגין מיר ניט מען זאל די עדות פר טרייבן פון שטאט (אלא לוקה ארבעים) נאר מען שלאגט זייא פערציג מלקות (מעידין אנו באיש פלוני שגירש את אשתו ולא נתן לה כתובתה) צווייא עדות זאגין מיר האבין געזעהן אין דעם טאג האט ראובן געגט זיין ווייב אונ ער האט איר ניט בצאהלט דיא כתובה. דארף ער איר איצט בצאהלין. אונ דער באן זאגט איך האב איר גאר ניט געגט קומט איר ניט קיין כתובה. דער נאך זענען געקומען אנדערע צווייא עדות אונ האבין געזאגט צוא דיא ערשטע עדות. וויא אזוי קענט איר זאגין אז איר האט געזעהן דעם טאג האט ראובן געגט זיין ווייב. דעם טאג זענט איר דאך געוועזן מיט אונז אין איין אנדער שטאט. פרעגט דיא משנה וואס זאלין דיא עדות בצאהלין צוא ראובן. מען קען ניט זאגין ווייל זייא האבין געוואלט ראובן זאל בצאהלין דיא כתובה. זאלין זייא בצאהלין צוא ראובן וויא פיל דיא כתובה איז (והלא בין היום ובין מחר סופו ליתן לה כתובתה) עס קען דאך זיין אז היינט אדער מארגן ווערט ער איר דארפין געבין דיא כתובה. טאמער ווערט ער איר געטין אדער ער ווערט שטארבין היינט אדער מארגין. קען דאך זיין אז דיא עדות האבין אים גאר קיין שאדין ניט געטאהן. פאר וואס זאלין זייא בצאהלין. נאר אזוי זאל מען טאהן (אומדין כמה אדם רוצה

ליתן

רוצה ליתן בכתובתה של זו. מספק שאם נתאלמנה או נתגרשה. יטלנה לוקח ואם מתה יירשנה בעלה ויפסיד מעותיו שנתן. וכך יתנו העדים לבעל: ב שלא השם המחייבו מלקות. לא המקרא המחייבו מלקות מחייבו תשלומין. מלקות מלא העונש. תשלומין מועטים

לו כאשר זמם: כל המשלם אינו לוקה. דכתיב כדי רשעתו על רשעה אחת אתה מחייבו ואי אתה מחייבו על ב׳ רשעיות. ומדקאמרי רבק משלם ואינו לוקה. ולא אמרי לוקה ואינו משלם ש״מ דכל היכא דאיכא תרתי מלקות ותשלומין לא אמרינן ילקה ולא

שאם נתאלמנה או נתגרשה. ואם מתה יירשנה בעלה. מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לחברו אלף זוז על מנת ליתנן לו מכאן ועד שלשים יום. והוא אומר מכאן ועד עשר שנים.

אומדין כמה אדם רוצה ליתן ויהיו בידו אלף זוז. בין נותנן מכאן ועד שלשים יום. בין נותנן מכאן ועד עשר שנים: ב מעידין אנו באיש פלוני שחייב לחברו מאתים זוז. ונמצאו זוממין. לוקין ומשלמין. שלא השם המביאו לידי מכות. מביאו לידי תשלומין. דברי ר׳ מאיר. וחכ״א כל המשלם

---

ליתן בכתובתה של זו שאם נתאלמנה או נתגרשה ואם מתה יירשנה בעלה) מען שאצט אפ
וויא פיל וויל אמענטש געבין דעם מאן פאר דעם מאן פאר מעגין וואס ער האט גינומען בייא זיין
ווייב. אויב דער מאן וועט שטארבין פריער אונ זיא וועט ווערין אלמנה. אדער דער
מאן וועט איר גטין. וועט ער איר דארפין צוא ריק געבין איר פאר מעגין וואס זיא האט
צו איין גיבראכט אונ דיא כתובה אויך בצאהלין. טאמער וועט זיא אבער שטארבין פריער.
וועט דאך דער מאן ירשנען איר כתובה אונ איר גאנץ פאר מעגין. זאל ער זיין אויף דעם
ארט פון מאן. וואס דער מאן דארף ירשנען זאל גיהערין צוא אים. זאגט דיא משנה וויא
פיל מען וואלט גיגעבין צוא ראובן. אזוי פיל זאלין דיא עדות בצאהלין צוא ראובן.
ווארום דאס האבין זייא דאך אים געווים גיוואלט שאדין טאהן. אז זייא זאגין ראובן האט
שוין גיגעט זיין ווייב ניהער דאך שוין אלין צוא דיא אשה. האט ער דאך גיט וואס צוא
פאר קויפין. עת״י (מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לחברו אלף זוז) צוויא מענטשין
זאגין מיר זאגין עדות אויף ראובן אז ער האט גיבארגט פון שמעון טויזענד גילדין אין דעם
טאג (על מנת ליתנן לו מכאן ועד שלשים יום) ער זאל זייא אים בצאהלין פון איצט ביז
דרייסיג טאג (והוא אומר) אונ ראובן זאגט (מכאן ועד עשר שנים) פון איצט ביז צעהן
יאהר. דר נאך זענען גיקומען אנדערע צוויי עדות אונ זאגין צו די ערשטע עדות. ווי אזוי
קענט איר זאגין אז אין דעם טאג האט איר גיזעהן ווא ראובן האט
ניבארגט געלט פון שמעון ער זאל בצאהלין ביז דרייסיג טעג. אין דעם טאג זענט
איר דאך גאר גיוועזין מיט אונז אין איין אנדער ארט. דארפין דאך דיא עדות בצאהלין צו
ראובן וואס זייא האבין אים גיוואלט שאדין טאהן. וויא פיל איז דער שאדין. זאגט די משנה
(אומדים כמה אדם רוצה ליתן ויהיו בידו אלף זוז) מען שאצט וויא פיל וויל אמענטש געבין
פר אצענט ער זאל נעמען טויזענד גילדין (בין נותנן מכאן ועד שלשים יום בין נותנן מכאן
ועד עשר שנים) ער זאל זייא דארפין צוריק געבין ביז דרייסיג טעג. אדער ער זאל זייא
דארפין צוריק געבין ביז צעהן יאהר. אזוי פיל דארפין דיא עדות בצאהלין צו ראובן. ווארום
די פראצענט האבין זיי אים גיוואלט שאדין טאהן. ווארום ראובן האט אפ גירעט מיט שמעון
ער זאל האלטין זיין געלט צעהן יאהר. אונ זייא האבין גיזאגט אז ראובן זאל נאר האלטין

ישלם אלא משלם ואינו לוקה. וכן הלכה:

ג משום לא תענה. שהרי כשאי אפשר לקיים בעדים ועשיתם לו כאשר זמם כגון מעידים אנו באיש פלוני שהוא בן גרושה לוקים העדים משום לא תענה הלכך דאיכא אזהרת לא תענה ואיכא נמי כאשר זמם לוקים שמונים ואין הלכה כר״מ: משלשין בממון.

עדים זוממין שחייבין בתשלומין משלמין הממון לפי מספר העדים. אם היו ג׳ עדים והוזמו כל אחד משלם שליש הממון שהיו רוצים להפסידו: ואין משלשין במכות. אלא כל א׳ מהעדים לוקה שלימה מלקות אלא כל אחד לוקה ארבעים דכתיב ועשיתם לו כאשר זמם. וכל אחד מהם מבקש להלקות

אינו לוקה: ג מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב מלקות ארבעים. ונמצאו זוממים. לוקין שמונים. משום (שמות כ) לא תענה ברעך עד שקר. ומשום (דברים יט) ועשיתם לו כאשר זמם. דברי ר״מ. וחכמים אומרים אין לוקין אלא ארבעים. משלשין בממון. ואין משלשין במכות. כיצד העידוהו שהוא חייב לחברו מאתים זוז. ונמצאו זוממין. משלשין ביניהם. אבל אם

---

דם געלט דרייסיג טעג: ב (מעידין אנו באיש פלוני שחייב לחברו מאתים זוז) צוויי מענטשין זאגין מיר זענען עדות אז ראובן איז שולדיג צוא שמעון צוויי הונדערט גילדין (ונמצאו זוממין) אונ עס איז גיפונען גיווארען אז זיא זענען ליגנער. זיא ווייסין גאר ניט (לוקין ומשלמין) דארף מען זיא שלאגין פערציג מלקות אונ זיא דארפין בצאהלין דיא צוויי הונדערט גילדין וואס זיא האבין גיוואלט ראובן שאדין טאהן (שלא השם המביאן לידי מכות מביאן לידי תשלומין) וואהרום ניט דר פסוק וואס ברייננט זיי צו מלקות ברייננט זיי צום בצאלן, אוף מלקות איז דא א פסוק לא תענה ברעך עד שקר דו זאלסט ניט זאגן אויף דיין חבר פאלשע עדות. אונ אויף בצאהלין איז דא א פסוק „ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו" איר זאלט טאהן צו דיא עדות אזוי וויא זיא האבין גיטראכט צוא טאהן צוא זייער ברודער (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (כל המשלם אינו לוקה) דער וואס דארף בצאהלין אונ עס קומט אים מלקות. זאל ער בצאהלין. אונ מלקות שלאגט מען אים ניט: ג (מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב מלקות ארבעים) אויב צוויי מענטשן זאגי מיר זענען עדות אויף ראובן אז אים קומט צוא שלאגין פערציג מלקות (ונמצאו זוממין) אונ עס איז גיפונען גיווארין אז זיא זענען ליגנער. זיא ווייסין גאר ניט (לוקין שמונים) שלאגט מען דיא עדות אכציג מלקות. פערציג מלקות (משום לא תענה ברעך עד שקר) ווייל עס שטייט אין דיא תורה מען זאל ניט זאגין פאלשע עדות. אונ פערציג מלקות (ומשום ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו) ווייל עס שטייט אין דיא תורה איר זאלט טאהן צו דיא עדות אזוי וויא זייא האבין גיטראכט צו טאהן צו זייער ברודער (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (אין לוקין אלא ארבעים) מען שלאגט אים נאר פערציג מלקות ניט מעהר (משלשין בממון) מען צוא טיילט דיא געלט אויף דיא עדות (ואין משלשין במכות) אבער מלקות צוא טיילט מען ניט אויף דיא עדות (כיצד) וויא מיינט מען (העידוהו שהוא חייב לחברו מאתים זוז) עטליכע עדות ופינף. אדער מער אדער ווייניגער) האבין גיזאגט אז ראובן איז שולדיג צוא שמעון צווייא הונדערט גילדין (ונמצאו זוממין) אונ עס איז גיפונען גיווארין אז זיא זענען ליגנער. זיא ווייסין גאר ניט (משלשין ביניהן) צוא טיילט מען דיא געלט אויף דיא עדות. אויב זיא זענען פינף עדות. גיט יעדער פערציג גילדין. פינף מאהל פערציג איז צווייא הונדערט גילדין. (אונ אזוי צו טילט

הכדון מלקות שלם וממון מלטרף כשיתן כל א' מהם שלים הרי קבל מה שרלו לספסידו בין כלם אבל מכות לא מלטרפין: **ד** עד שיזומו עצמן. שיזומו אותן בעסקי גופן. לא בעסקי ההורג (וסהכ״ג) כדמפרש ואזיל ונפקא לן מקרא דכתיב (דברים יט) והנה עד שקר העד עד שיהי' השקר בגופן של עדים: **ה** ואפילו היו מאה. כתות שהעידו זו אחר זו בעדות אחת וכת אחת הזימה את כלן. כלן יהרגו: איסטטית היא זו. כלומר

העידוהו שהוא חייב מלקות ארבעים ונמצאו זוממין. כל אחד ואחד לוקה ארבעים: **ד** אין העדים נעשים זוממין עד שיזומו את עצמן. כיצד אמרו מעידין אנו באיש פלוני שהרג את הנפש. אמרו להן היאך אתם מעידין שהרי נהרג זה או ההורג היה עמנו אותו היום במקום פלוני אין אלו זוממין. אבל אמרו להם היאך אתם מעידין. שהרי אתם הייתם עמנו אותו היום במקום פלוני. הרי אלו זוממין ונהרגין על פיהם: **ה** באו אחרים והזימום באו אחרים והזימום אפי' מאה כולם יהרגו רבי יהודה אומר איסטטית

---

מען אויף מער. עדות אדער אויף וויניגער) (אבל אם העידוהו שהוא חייב מלקות ארבעים) אבער אז זיא האבען. עדות געזאגט אויף ראובן אז אים קומט פערציג מלקות (ונמצאו זוממין) אונ. עס איז געפונען געווארין אז זיא זענען ליגנער (כל אחד ואחד לוקה ארבעים) יעדין. עדות בזונדער שלאגט מען פערציג מלקות: ד (אין העדים נעשים זוממין עד שיזומו את עצמן) . עדות ווערין ניט קיין ליגנער מען זאל זיא טאהן וואס זיא האבען געוואלט יענעם טאהן. סיידין מען לייקענט אפ זיא אליין (כיצד) וויא מיינט מען (אמרו מעידין אנו באיש פלוני שהרג את הנפש) צווייא מענטשין זאגין מיר זענען. עדות אויף ראובן אז. ער האט גיהרגעט אמענטשין (אמרו להן) האבין אנדערע צווייא. עדות געזאגט צו דיא. ערשטע. עדות (היאך אתם מעידין) וויא אזוי זאגט איר. עדות אויף ראובן אז. ער האט גיהרגעט שמעון (שהרי נהרג זה) דער שמעון וואס איר זאגט אויף אים אז. ער איז זונטאג גיהרגעט געווארין (או) אדער זייא זאגין (ההורג) דער ראובן וואס איר זאגט אויף אים אז. ער האט זונטאג גיהרגעט שמעון (היה. עמנו אותו היום במקום פלוני) איז. ער גיוועזן מיט אונז דעם זונטאג אגאנצין טאג אויף יענעם ארט (אין אלו זוממין) ליגנער זענען זייא. זייערע רייד ווערט בטל. נאר מען דארף זייא ניט הרגנן (אבל אמרו להם) אבער אז דיא אנדערע. עדות האבין געזאגט צוא דיא. ערשטע. עדות (היאך אתם מעידין) וויא אזוי זאגט איר. עדות אז זונטאג האט ראובן גיהרגעט שמעון (שהרי אתם הייתם. עמנו אותו היום במקום פלוני). דעם זונטאג זענט איר גיוועזן מיט אונז אויף יענעם ארט אגאנצין טאג. אונ איר האט ניט גיזעהן דעם טאג ניט ראו..ן אונ ניט שמעון (הרי אלו זוממין) זענען זייא ליגנער (ונהרגין. על פיהם) אונ זייא ווערין גיהרגעט דורך דיא אנדערע. עדות: ה (באו אחרים) דער נאך זענען גיקומען צוויי. עדות אונ האבין אויך גיזאגט אז זונטאג האט ראובן גיהרגעט שמעון (והזימום) אונ דיא צוויי. עדות וואס האבין גימאכט דיא. ערשטע. עדות פאר ליגנער. האבין זייא גימאכט דיא אנדערע צוויי. עדות אויך פר ליגנער (ואפילו מאה) אונ אפילו הונדערט פאר. עדות זענען גיקומען אונ האבין גיזאגט אז ראובן האט גיהרגעט שמעון זונטאג. אונ דיא צווייא. עדות האבין גיזאגט צוא דיא אלע. עדות. זונטאגט זענט איר גיוועזן מיט אונז אויף יענעם ארט. וואס איר האט ניט. גיקענט זעהן ניט ראובן אונ ניט שמעון (כולם יהרגו) זאל מען אלע הונדערט פאר. עדות הרגנן. רבי יהודה זאגט (איסטטית היא זו) דאס איז אאנגירעטע זאך.

היא זו ואינה נהרגת אלא כת הראשונה בלבד: ך אין העדים זוממין נהרגין עד שיגמר הדין. שהרי הצדוקין אומרים עד שיהרג. שנאמר נפש תחת נפש. אמרו להם חכמים והלא כבר נאמר (דברים יט) ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו. והרי אחיו קיים ואם כן למה נאמר נפש תחת נפש. יכול משעה שקבלו עדותן. יהרגו. ת״ל נפש תחת נפש הא אינן נהרגין עד שיגמר הדין:

זאת הכת הרג והשניה היא שהכן נכלו עלה ביניהן להזים כל הבא להעיד בעדות זאת. פירוש אחר איסטסית היא זו וכי עדות זו יורש של איסטסית היא שלובעת כל הנוגע בה: ואינה נהרגת אלא כת ראשונה בלבד: דסבירא ליה לר׳ יהודה דלאחר דאחזמא לה כת ראשונה תו לא מקבלי סהדותא דכת ש״יה דאתיא לאסהיד בתרה ואי אסהדה ואיתזמא לא קטלינן לה דלא קרינא לה ועשיתם לו דהא לא קטלינן אפומה. ואין הלכה כרב יהודה: ך עד שיגמר הדין. של הנדון שיהרג

דיא צווייא עדות האבין גימאכט אעצה צווישין זיך אז ווער עס וועט קומען זאגין ראובן האט גיהרגת שמעון זאלין זייא אפ לייקענען אונ זאגין איר זענט גיוועזן מיט אונז יענעם טאג אויף איין אנדער ארט (ואינה נהרגת אלא כת הראשונה בלבד) מען הרגת ניט מער נאר דיא ערשטע פאר עדות (ועיין בהרע״ב ותוי״ט ותי״ו): ך (אין העדים זוממין נהרגים עד שיגמר הדין) דיא פאלשע עדות ווערין אנדערש ניט גיהרגת. סיידין בית דין האבין שוין גיפסקנת מען זאל ראובן הרגנן. וויא זייא האבין עדות גיזאגט. דער נאך זענען גיקומען די אנדערע עדות אונ האבין גיזאגט אז זייא זענען פאלש (וויא פריער שטייט) הרגת מען די ערשטע עדות. אבער ווען בית דין האט נאך גיקלערט דעם דין. זענען גיקומען דיא אנדערע עדות אונ האבין גיזאגט אויף דיא ערשטע עדות זייא זענען פאלש. הרגת מען ניט דיא עדות אונ ניט ראובן. נאר עס ווערט נאר ניט פון דער זאך (שהרי הצדוקין אומרים עד שיהרג) דיא אפקורסים זאגין אז דיא עדות ווערין אנדערש ניט גיהרגת. סיידין מען האט ראובן גיהרגת דורך דיא ערשטע ערות. דער נאך זענען גיקומען דיא אנדערע עדות אונ האבין גיזאגט אז דיא ערשטע עדות זענען פאלש. הרגת מען דיא ערשטע עדות. אבער אז ראובן לעבט נאך. דארף מען דיא ערשטע עדות ניט הרגנן (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (נפש תחת נפש) אמענטש פאר אמענטש. אז מען האט דעם מענטש גיהרגת. הרגת מען זייגע פאלשע עדות (אמרו להם חכמים) האבין דיא חכמים גיזאגט צוא דיא אפקורסים (והלא כבר נאמר ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו) עס שטייט שוין לאנג אין פסוק איר זאלט טאהן צוא דיא עדות וויא זייא האבין גיטראכט צוא טאהן צוא זייער ברודער. זייא האבין גיטראכט צוא טאהן. אבער מען האט נאך ניט גיטאהן (והרי אחיו קיים) נאר דער ברודער לעבט נאך. פון דעסטוועגין דארף מען זי״א הרגנן (אם כן) אויב אזוי. אפילו מען האט נאך ניט גיהרגת ראובן הרגת מען אויך דיא עדות (למה נאמר נפש תחת נפש) פאר וואס שטייט אין פסוק אמענטש פאר אמענטש. ענטפערט דיא משנה יכול משעה שקבלו עדותן יהרגו איך וואלט וועלין מיינען באלד וויא בית דין האבין אוים גיהערט דיא רייד פון דיא ערשטע עדות. זענען גיקומען די אנדערע עדות אונ האבין גיזאגט אויף דיא ערשטע עדות אז זייא זענען פאלש וויא אין משנה ד שטייט. זאל מען באלד הרגנן די ערשטע עדות (תלמוד לומר נפש תחת נפש) לערנט אונז דער פסוק צוא זאגין. אמענטש פאר אמענטש הא אינן נהרגין עד שיגמר הדין) צוווייזין אז זייא ווערין אנדערש ניט גיהרגת. סיידין בית דין האבין שוין גיפסקנת מען זאל ראובן הרגנן וויא עס שטייט אין אנהייב משנה. דאס הייסט שוין

על פיהן ואחר כך הוזמו: ז ומנין אפי' מאה. שאפי' מזימין מאה שהעידו יחד: מה שנים אינן נהרגין עד שיהו שניהן. דכתיב (דברים יט) והנה עד שקר העד ואמר מר כל מקום שנאמר עד הרי כאן שנים עד שיפרוט לך הכתוב אחד: עד שיהיו שלשתן זוממין. והוא שהעיד כל אחד בתוך כדי דבור של זה עם של חבירו. אבל אם העידו שנים ולאחר זמן העידו האחרים הרי הן שתי כתות לכל דבר: ר"ע אומר לא בא השלישי אלא להחמיר עליו. שלא תאמר הואיל ובלא

**ז על פי שנים עדים או ג' עדים יומת המת. אם מתקיימת העדות בשנים למה פרט הכתוב בשלשה. אלא להקיש שלשה לשנים. מה שלשה מזימין את השנים אף השנים יזמו את השלשה. ומנין אפי' מאה ת"ל עדים. רש"א מה שנים אינן נהרגין עד שיהו שניהם זוממין. אף שלשה אינן נהרגין עד שיהיו שלשתן זוממין. ומנין אפי' מאה ת"ל עדים. ר"ע אומר לא בא השלישי אלא להחמיר עליו ולעשות**

,,נפש תחת נפש" אמענטש פאר אמענטש. ווייל מען האט ניפסקת מען זאל אים הרגן אין גלייך וויא מען האט אים שוין ניהרגת: (על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת) דורך צוויי עדות אדער דורך דריי עדות זאל מען הרגן דעם מענטש. פרעגט די משנה אם מתקיימת העדות בשנים) אויב דורך צוויי עדות איז אויך גוט (למה פרט הכתוב בשלשה) צו וואס האט דער פסוק גיזאגט דריי עדות (אלא להקיש שלשה לשנים) נאר מען זאל גלייכן דריי עדות צו צוויי עדות (מה שלשה מזימין את השנים) אזו ווי אז דריי עדות מאכן צוויי עדות פאר ליגנער. גלויבט מען דאך די דרייא עדות. ווייל זייא זענען מער (אף השנים יזומו את השלשה) אזוי אויב צווייא עדות זאגן אויף דריי עדות אז זייא זענען ליגנער. גלויבט מען זייא (ומנין אפילו מאה) אונ פון וואנען ווייסן מיר אז צוויי עדות קענען מאכן פאר ליגנער אפילו הונדערט עדות וואס זענען גיקומען מיט איין מאהל עדות זאגן (תלמוד לומר עדים) לערנט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט ,,עדים". עדות. ווי פיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך נאר וו א צווייא עדות. רבי שמעון זאגט (מה שנים אינן נהרגין עד שיהיו שניהם זוממין) אזוי וויא צוויי עדות ווערין אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל זאגן אויף ביידע אז זייא זענען ליגנער. אבער אז מען זאגט נאר אויף איינעם. הרגת מען ביידע עדות ניט (אף שלשה אינן נהרגין עד שיהיו שלשתן זוממין) אזוי אוב דריי עדות זענען גיקומן צו זאמען עדות זאגן אויף ראובן אז ער האט גיהרגת אמענטשן. דער נאך האט מען זייא גימאכט פאר ליגנער ווערין זייא אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל מאכין אלע דריי פאר ליגנער. אויב מען האט גימאכט אלע דריי פאר ליגנער. ווערין אלע דריי ניהרגת. אבער אז מען האט נאר גימאכט פאר ליגנער צווייא פון זייא. ניט אלע דריי. הרגת מען קיינעם ניט (ומנין אפילו מאה) אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו הונדערט עדות זענען גיקומען מיט אין מאהל עדות זאגן אז ראובן האט גיהרגת אמענטש דער נאך האט מען זייא גימאכט פאר ליגנער. ווערין זייא אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל מאכין אלע הונדערט פאר ליגנער (תלמוד לומר עדים) לערנט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט ,,עדים". עדות. וויפיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך נאר וויא צוויי עדות. רבי עקיבא זאגט צוויי עדות איז דאך אויך גינוג. צו וואס איז גיקומען דער דריטער (לא בא השלישי) דער דריטער עדות איז ניט מעהר גיקומען (אלא להחמיר עליו) נאר מען זאל אויף אים שווער מאכין (ולעשות דינו כיוצא באלה) מען זאל מאכין זיין דין גלייך מיט דעם דין פון די צוויי עדות. אויב אנדערע צוויי עדות זענען גיקומען. אונ האבין גימאכט די אלע דריי עדות פאר ליגנער. ווערט דער דריטער

עדות

דינו כיוצא באלו ואם כן ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה כע ברי עבירה על אחת כמה וכמה ישלם שכר לנטפל לעושי מצוה כעושי מצוה: ח מה שנים נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה אף ג' נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה. מנין אפילו מאה תלמוד לומר עדים. אמר רבי יוסי בד"א בדיני נפשות. אבל בדיני ממונות תתקיים העדות בשאר. ר' אומר אחד דיני ממונות וא' דיני נפשות (ואימתי) בזמן שהתרו בהן. אבל

השלישי היאך העדות מתקיימת לא יעשו בו דין השאר. למדך הכתוב שאף הוא נדון: על אחת כמה וכמה. שמדה טובה מרובה על מדת פורענות: ח בד"א בדיני נפשות. דכתיב (במדבר לה) והצילו העדה ומהדרים אותה: אחד דיני ממונות. כמו עדותן בטלה: בזמן שהתרו בהן. בדיני נפשות

עדות אויך געשטראפט גלייך מיט דיא צווייא (ואם כן ענש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה
כעוברי עבירה) אויב די תורה שטראפט דעם מענטש וואס איז בהעפט געווארן צו מענטשן
וואס טוהען עבירות. גלייך וויא דיא מענטשן וואס טוהען דיא עבירה (על אחת כמה וכמה
ישלם שכר לנטפל לעושי מצוה כעושי מצוה) איז שוין געווים אז גאט וועט בצאהלין גוטס
דעם מענטש וואס איז בהעפט געווארן צו דיא וואס טוהען מצות. גלייך וויא די וואס טוהען
דיא מצוה: ח (מה שנים נמצא אחד מהן קרוב או פסול עדותן בטלה) אזוי וויא ביא צווייא
עדות אויב עס איז געפונען געווארן אז איינער פון זייא איז א קרוב אדער ער איז פסול צו
זיין א עדות. איז דאך דיא עדות בטל. ווארום עס בלייבט דאך נאר איין עדות
(אף שלשה) אויב עס זענען געקומען צו בית דין דרייא עדות מיט אמאהל (נמצא אחד
מהן קרוב או פסול) אונ עס איז געפונען געווארן אז איינער פון זייא איז א קרוב אדער ער
איז פסול צו זיין א עדות (עדותן בטלה) איז זייערע עדות בטל. דיא צווייא כשרה עדות
ווערין אויך בטל (מנין אפילו מאה) פון וואנען ווייסן מיר אז אפילו הונדערט עדות זענען
געקומען מיט אמאהל צו בית דין. אונ איינער איז געוועזן א קרוב אדער ער איז געוועזן פסול
צו זיין א עדות. ווערט אויך דיא גאנצע עדות בטל (תלמוד לומר עדים) לערנט אונז
דער פסוק מיט דעם ווארט עדים. עדות. וויא פיל עדות עס זענען דא. זענען זייא גלייך
נאר וויא צווייא עדות (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי געזאגט (במה דברים אמורים) ווען
זענען דיא רייד געזאגט געווארן אז עס איז דא עטליכע עדות אונ איינער איז א קרוב אדער
פסול ווערט בטל דיא גאנצע עדות (בדיני נפשות) אז זייא זענען געקומען עדות זאגין אויף
א מענטשין מען זאל אים הרגנן (אבל בדיני ממונות) אבער אז עטליכע עדות זענען געקומען
עדות זאגין אויף געלט זאכין. אונ איינער פון זייא איז א קרוב אדער פסול (תתקיים העדות
בשאר) ווערט גוט דיא עדות דורך דיא איבעריגע עדות דיא כשרה. רבי זאגט (אחד
דיני ממונות ואחד דיני נפשות) סייא דיא עטליכע עדות זענען געקומען זאגין אויף געלט
זאכין. אונ סייא זייא זענען געקומען זאגין א מענטשין צוא הרגנן. אויב איינער פון זייא
איז א קרוב אדער פסול ווערט בטל דיא גאנצע עדות (אימתי) ווען זאגין מיר. אז עטליכע
עדות זאגין אויף ראובן אז ער האט געטאהן א עבירה וואס מען דארף אים הרגנן. אונ
איינער פון זייא איז א קרוב אדער פסול. ווערט בטל דיא גאנצע עדות (בזמן שהתרו בהן)
נאר אויב דיא אלע עטליכע עדות וואס זענען געקומען איצט צוא בית דין זאגין. זייא
אלע ודער קרוב אדער פסול אויך) האבין פריער אן געזאגט צוא ראובן. ער זאל ניט טאהן
דיא עבירה ווארום זייא וועלין זאגין פאר בית דין. ווילען זייא ודער קרוב אדער דער פסול)

איירי כלומר כי אמריק דבעלס זהו בזמן שסקרוב או ספסול נשתתף מהחלס לסיות מן סמתרין בעוברי עבירס. אבל אם לא סתרו בסן. ולא כוין לסיות עד בדבר. לא בטלס עדות סאחרים בשביל כאייתו של זס. וסלכס כרבי: ט ואחד מתרי׳ בו באמצע. שמתרס מלטרף עם סכת של עדים שסיו רואה אותם

אבל בזמן שלא התרו בהן. מה יעשו שני אחין שראו באחד שהרג את הנפש: ט היו שנים רואין אותו מחלון זה. ושנים רואין אותו מחלון זה. ואחד מתרה בו באמצע. בזמן שמקצתן רואין אלו את אלו. הרי אלו עדות אחת. ואם

דאך פון אנהייב אן. זיין עדות צוא דיא זאך. ווערין גירעכנט אלע עדות נאר וויא צווייא אונ אויב איינער פון זייא איז א קרוב אדער פסול ווערט בטל דיא גאנצע עדות (אבל בזמן שלא התרו בהן) אבער אז דר קרוב אדער דר פסול איז פריער ניט גיוועזן צווישען דיא עדות וואס האבין אים אן גיזאגט ער זאל ניט טאהן דיא עבירה. נאר איצט צוא בית דין זענען זייא אויך מיט גקומען. ווערט ניט בטל דיא עדות דורך זייא. ווארום (מה יעשו שני אחים שראו באחד שהרג את הנ״ש) וויא זאל מען טאן אויב צווייא ברידער ואונ נאך איינער אפרעמדער) האבין גיזעהן אז איינער האט גיהרגת אמענטשין. זאל מען ניט עדות זאגין פאר וואס. נאר געווים איז דער דין אז איין ברודער מיט דעם פרעמדין גייען עדות זאגין. ווארום מיר זאגין איין ברודער האט גיוואלט זיין אעדות. אונ דער אנדערער האט נאר גיזעהן. אבער ער האט גיט גיוואלט זיין קיין עדות. אזוי דא זאגין מיר אויך. דיא מענטשין וואס האבין אן גיזאגט אים ער זאל דאס ניט טאהן. זענען גיווארין עדות. אונ דער קרוב אדער דער פסול זענען נאר גישטאנען זעהן דיא זאך. אבער זייא האבין נאר ניט גיוואלט זיין קיין עדות. נאר איצט ווילען זייא בטל מאכין יענע עדות. אונ מציל זיין דעם וואס האט גיטאהן דיא עבירה. זענען זייא אויך גיקומען עדות זאגין. נעמט מען זייא ניט אן פאר עדות. אונ יענע עדות ווערט ניט בטל דורך זייא: ט (היו שנים רואין אותו מחלון זה) צווייא מענטשין האבין גיזעהן פון איין פענסטער וויא ראובן הרגת שמעון (ושנים רואין אותו מחלון זה) אונ צווייא מענטשין האבין גיזעהן פון דעם אנדערין פענסטער וויא ראובן הרגת שמעון (ואחד מתרה בו באמצע) אונ אין מיטען צווישען דיא צווייא פענסטער איז גיוועזן איינער וואס האט גיזאגט צוא ראובן ער זאל ניט הרגנן שמעון ווארום בית דין וועלין אים הרגנן (בזמן שמקצתן רואין אלו את אלו) אויב אביסול מענטשין פון דעם פענסטער האבין גיזעהן אביסול מענטשין פון דעם אנדערין פענסטער. אפילו ניט אלע האבין גיזעהן איינער דעם אנדערין. אונ אפילו זייא האבין נאר ניט גיזעהן דעם מיטעלסטין מענטש וואס ער האט אנגיזאגט ראובן ער זאל ניט הרגנן. אונ דער אן זאגער האט זייא אויך ניט גיזעהן. נאר זייא האבין גיהערט וויא ער זאגט צוא ראובן ער זאל ניט הרגנן. ווארום בית דין וועט אים הרגנן. אונ ראובן האט גיזאגט איך ווייס אז בית דין וועט מיך הרגנן. דעסטוועגין וויל איך הרגנן שמעון. אדער דער אנזאגער האט גיזעהן אביסול מענטשין פון דעם פענסטער אונ אביסול מענטשין פון דעם אנדערין פענסטער. אונ זייא האבין אים אויך גיזעהן. אונ האבין גיהערט וויא ער האט אן גיזאגט צוא ראובן. נאר דיא מענטשין פון דיא פענסטער האבין ניט גיזעהן איינער דעם אנדערין (עת״ו) (הרי אלו עדות אחת) זענען דיא מענטשין פון ביידע פענסטער אונ דער מיטעלסטער מענטש. אלע איין עדות. ואויב איינער פון זייא איז א קרוב אדער פסול. איז אלעמענס עדות בטל (ואם לאו) אונ אויב דיא עדות פון דיא פענסטער האבין ניט גיזעהן איינער דעם אנדערין. אונ זייא האבין

לאו הרי אלו שתי עדיות. לפיכך אם נמצאת אחת מהן זוממת. הוא והן נהרגין והשניה פטורה. רבי יוסי אומר לעולם אין נהרגין עד שיהו (פי) שני עדיו מתרין בו שנאמר (דברים יז) על פי שנים עדים. דבר אחר על פי שנים עדים. שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן: י מי שנגמר דינו וברח. ובא לפני אותו ב"ד אין סותרים את

והם רואים אותו בשעת ההריגה. לפיכך אם היו שתי הכתות שבשתי החלונות רואים אותו מצטרפים אלו עם אלו. והם כולם עדות אחת: הוא והן נהרגין. הוא נהרג דאכתי איכא כת א' שלא הוזמה. והם שהוזמו נהרגים שהרי הוזמו: שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן. שצריכין שיהו הדיינים מכירין בל' העדים. ולא יצטרכו להעמיד מליץ בינ הם

דינו

ניט געזעהן דעם אנזאגער . אונ דער אנזאגער האט זייא אויך ניט געזעהן . נאר גיהערט האבין זייא וויא איינער זאגט צוא ראובן ער זאל ניט הרגנן . ווארום בית דין וועט אים הרגנן . אונ ראובן האט גיענטפערט איך ווייס אז בית דין וועט מיך הרגנן . אונ איך וויל הרגנן שמעון . אפילו אלע עדות פון ביידע פענסטער מיט דעם אן זאגער . זענען גיקומען מיט איין מאהל צוא בית דין . . עדות זאגין אז ראובן האט גיהרגת שמעון . פון דעסטוועגין (הרי אלו שתי עדיות) זענען דיא מענטשין פון דעם פענסטער בזונדערע עדות . אונ דיא מענטשין פון דעם פענסטער זענען בזונדערע עדות (לפיכך אם נמצאת אחת מהן זוממת) דריבער אויב צווייא עדות זענען גיקומען צוא בית דין אונ האבין גיזאגט אויף די מענטשין פון איין פענסטער אז זייא זענען ליגנער . וויא אזוי קענט איר זאגין אז איר האט גיזעהן דורך דעם פענסטער זונטאג אז ראובן האט גיהרגת שמעון . איר זענט דאך זונטאג גאנצין טאג גיוועזן מיט אונז אויף איין אנדער ארט (הוא והן נהרגין) ראובן את דיא עדות פון דעם איין פענסטער וואס זייא זענען גיווארין ליגנער . ווערין גיהרגת . דיא עדות ווערין גיהרגת ווייל זייא זענען גיווארין ליגנער . אונ זייא האבין גיוואלט מען זאל ראובן הרגנן . ווס זיי האבין גאר ניט גיזעהן קיין שלעגין אויף אים . אונ ראובן ווערט גהרגת. ווייל אויף אים זענען דאך דא די עדות פון אנדערין פענסטער ווס זאגין אז זיי האבין גזעהן וויא ער האט גיהרגת שמעון . אונ זייא זענען דאך ניט גיווארין קיין ליגנער (והשניה פטורה) אונ די עדות פון אנדערין פענסטער הרגת מען ניט . ווייל זייא זענען ניט גיווארין קיין ליגנער ועתי"ט ותי"ו) . רבי יוסי זאגט (לעולם אינן נהרגין עד שיהו פי שני עדיו מתרין בו) מען הרגת אנדערש ניט ביידין צוויי עדות זאלן זאגין דעם מענטש ער זאל דיא זאך ניט טאהן ווארום בית דין וועלין אים הרגנן (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (על פי שנים עדים) דורך דיא מויל פון צוויי עדות וואס זייא זאגין דעם מענטש ער זאל דיא זאך ניט טאהן . אונ ער האט גיטאהן . ווערט גיהרגת דער מענטש (דבר אחר על פי שנים עדים) נאך אזוי מיינט מען מיט דיא ווערטער "פון דיא מויל פון דיא צווייא עדות" (שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן) דיא דיינים זאלין ניט הערין פון א טייטשער . ניט מען זאל נעמען א מענטש וואס ווייס דיא שפראך פון דיא עדות אונ ער זאל דאס איבער זעצין אויף איין אנדער שפראך וואס דיא דיינים קענען . נאר די דיינים מוזין קענען די שפראך וואס דיא עדות ריידין . אונ זייא זאלין הערין פון זייער מויל וואס זיי ריידין : י (מי שנגמר דינו) בית דין האט גיפסקנת אויף איינעם מען זאל אים הרגנן (וברח) אונ ער איז אנטלאפין (ובא לפני אותו בית דין) דער נאך איז ער צוריק גיקומען פאר דעם בית דין (אין סותרים את דינו) צו ווארפט מען ניט דעם דין . מען זאל נאך אמאהל קלערין . טאמער וועט ער גירעכט בלייבין . נאר מען

הרגנת

וכן הלכה: סנהדרין. הסמוכין בארץ. יש להם רשות לדון דיני קנסות ודיני נפשות. בין בארץ בין בח״ל. כ״ז שיש ב״ד הגדול בלשכת הגזית שנאמר (דברים יז) לבלתי שמוע אל הכהן או אל השופט. בזמן שיש כהן מקריב ע״ג מזבח. יש שופט שדן דיני נפשות. בזמן שאין כהן אין שופט: סנהדרין ההורגת אחת בשבוע. אחת לשבע שנים: נקראת חובלנית. שצריך שיהו מתוני׳ בדין. ויחזירו בדיני נפשות לזכות: לא נהרג אדם מעולם.

דינו. כל מקום שיעמדו שנים ויאמרו מעידין אנו באיש פלוני שנגמר דינו בב״ד של פלוני. ופלוני ופלוני עדיו. הרי זה יהרג. סנהדרין נוהגת בארץ ובחו״ל. סנהדרין ההורגת אחת בשבוע. נקראת חובלנית. רבי אלעזר בן עזריה אומר אחד לשבעים שנה. רבי טרפון ורבי עקיבא אומרים. אלו היינו בסנהדרין. לא נהרג אדם מעולם. רשב״ג אומר אף הן מרבין שופכי דמים בישראל:

פרק ב **אלו** הן הגולין. ההורג נפש בשגגה. היה מעגל

שיבדקו העדים בדבר שלא ידעו להשיב. אם רואה הוא. מה ראיתם טרפה הרג או שלם הרג. ואם תמצא לומר שלם הרג. שמא במקום הסייף נקב היה. ואם מגלה עריות הוא ראיתם כמכחול בשפופרת: אף הן מרבין שופכי דמים. מתוך כך אין מכלין הרשעים ומרבים לשפוך דם:

פרק ב **אלו** הן הגולין. היה מעגל במעגילה. אבן חלקה עגולה שמעגלין אותה על גג הבית. לט הטיט שבעלי׳ להשוות

---

ברענגט אים (כל מקום שיעמדו שנים ואמרו מעידין אנו באיש פלוני) ביי וועלכן בית די״ן עס וועלין קומען צווייא עדות אונ וועלין זאגין מיר זאגין עדות אויף דעם מענטש (שנגמר דינו בבית דין של פלוני) אז יענער בית דין האט אויף אים גיפסקנט מען זאל אים הרגנן (פלוני ופלוני עדיו) אונ דיא מענטשין זענען גיוועז זיינע עדות ביי יענעם בית דין נאר ער איז אנטלאפין האט מען אים ניט גיקענט הרגנן (הרי זה יהרג) זאל מען דעם מענטש הרגנן ביי דעם בית דין (סנהדרין נוהגת בארץ ובחוצה לארץ) ווען דער בית המקדש איז גיוועזן. אונ דיא איין אונ זיבעציג סנהדרין זענען גיוועזן אין לשכת הגזית. זענען גיוועזן דרייא אונ צוואנציג סנהדרין אין יעדער שטאט אין ארץ ישראל אונ אויסער ארץ ישראל ווא יודין האבין נאר גיוואהנט. אונ זייא האבין געמשפט אלע דינים. געלט זאכין אונ אמענטשין צום הרגנן (סנהדרין ההורגת אחד בשבוע) דיא דיינים וואס הרגנן אמענטשין איין מאהל אין זיבען יאהר (נקבאת חובלנית) ווערט זיא גירופען אפארדארבערין. זיא הרגת מענטשין. רבי אלעזר בן עזריה זאגט (א״ה לשבעים שנה) איין מאהל אין זיבעציג יאהר (עת״ט). רבי טרפון אונ רבי עקיבא זאגין (אלו היינו בסנהדרין) ווען מיר וואלטין גיוועזן צווישען די סנהדרין (לא נהרג אדם מעולם) וואלט מען קיין מאהל ניט גיהרגת קיין מענטש. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (אף הן מרבין שופכי דמים בישראל) דאס וואלט גאר ניט גיוועזן קיין טובה. עס וואלטין גיוועזן פיל רוצחים. ווייל זיי זעהן אז מען הרגת קיינעם ניט. וואלטין זייא ניט מורא גיהאט. אונ וואלטין פאר גאסין פיל בלוט ביי יודין:

פרק ב א (אלו הן הגולין) דיא מענטשין ווערין פאר טריבען אין דיא עריי מקלט וויא עס שטייט אין דיא סדרה מסעי (ההורג נפש בשגגה) אז איינער הרגת אמענטשין בשוגג אומגערין. ניט ווילענדיגו (היה מעגל במעגילה) ער האט גלייך גימאכט דיא לייס וואס אויף דין באך מיט אקיילעכדיגען שטיין (אזוי פלעגט מען מאכין פאר צייטין אין ארץ ישראל)

במעגילה. ונפלה עליו והרגתו. היה משלשל בחבית ונפלה עליו והרגתו. היה יורד בסולם ונפל עליו והרגו. הרי זה גולה. אבל אם היה מושך במעגילה ונפלה עליו והרגתו. היה דולה בחבית ונפסק החבל. ונפלה עליו והרגתו. היה עולה בסולם ונפל עליו והרגו הרי זה אינו גולה. זה הכלל כל שבדרך ירידתו גולה. ושלא בדרך ירידתו אינו גולה. נשמט הברזל מקתו והרג. רבי אומר אינו גולה. וחכמים אומרים גולה. מן העץ המתבקע. רבי אומר גולה. וחכמים אומרים אינו גולה: ב הזורק אבן לרשות הרבים והרג הרי זה גולה. ראב"י אומר אם

הסדקים: היה משלשל בחבית. מלמעלה למטה: אבל אם היה מושך במעגילה. ממטה למעלה: כל שבדרך ירידתו גולה. דכתיב (במדבר לה) ויפל עליו עד שיפיל דרך נפילה. וכן לאתויי אפילו ירידה שהיא לצורך עלייה: נשמט הברזל מקתו. מבית יד שבו תוקעו בו: רבי אומר אינו גולה. ר' סבר ונשל הברזל מן העץ זה העץ המתבקע. לא עץ שבו תוקע בו. ורבנן סברי מן העץ. מע"ז שבו תוקע בו והלכה כחכמים. דעץ המתבקע כח כחו הוא. וכ"י כח כחו אינו גולה: ב זרק את האבן לרה"ר. ולפ"נ

---

(ונפלה עליו והרגתו) אונ דער שטיין איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (היה משלשל בחבית) ער האט אראפ גילאזט אפאס. פון הויבין אראפ (ונפלה עליו והרגתו) אונ דיא פאס איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (היה יורד בסולם) ער האט אראפ גענידערט אויף אלייטער (ונפל עליו והרגו) אונ ער איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (הרי זה גולה) ווערט ער פאר טריבן אין דיא ערי מקלט (אבל אם היה מושך במעגילה) אבער אז ער האט ניצויגין דעם קייעלדיגע שטיין פון אונטין ארויף (ונפלה עליו והרגתו) אונ דער שטיין איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (היה דולה בחבית) ער האט גישעפט וואסער מיט אפאס פון אברונען (ונפסק החבל) אונ דער שטריק איז צו ריסען גיווארין (ונפלה עליו והרגתו) אונ דיא פאס איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (היה עולה בסולם) ער איז ארויף גיגאנגען אויף אלייטער (ונפל עליו והרגו) אונ ער איז גיפאלין אויף אמענטש אונ האט אים גיהרגת (הרי זה אינו גולה) ווערט ער ניט פאר טריבן אין דיא ערי מקלט (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שבדרך ירידתו גולה) אז ער האט גיהרגת אמענטש ווען ער האט אראפ גענידערט. אדער זיין כלי האט גיהרגת אמענטש ווען מען האט זיא אראפ גילאזט. דארף ער פאר טריבן ווערין (ושלא בדרך ירידתו) אבער אז ער האט גיהרגת אמענטש ניט ווען ער האט אראפ גענידערט. נאר ווען ער איז ארויף גיגאנגען. אדער זיין כלי האט גיהרגת אמענטש ווען מען האט איר ארויף גיצויגין (אינו גולה) דארף ער ניט פאר טריבן ווערין (נשמט הברזל מקתו והרג) דיא האק איז אראפ גיפאלין פון האלץ וואס זיא זיצט אויף אים. אונ האט גיהרגת אמענטשין. רבי זאגט (אינו גולה) ער דארף ניט פאר טריבן ווערין (וחכמים אומרים גולה) אונ דיא חכמים זאגין ער דארף פאר טריבן ווערין (מן העץ המתבקע) ער האט גישפאלטין האלץ איז אשטיק צושפרונגען אשטיק האלץ אונ האט גיהרגת אמענטש (רבי אומר גולה) רבי זאגט ער דארף פאר טריבן ווערין (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (אינו גולה) ער דארף ניט פאר טריבן ווערין: ב (הזורק אבן לרשות הרבים) איינער האט גיווארפין אשטיין אויף די גאס וואו לייט אין גאס (והרג) אונ ער האט גיהרגת אמענטש וואס ער איז גיוועזן אויף דעם מקום (הרי זה גולה) דארף ער פאר טריבן ווערין. רבי אליעזר בן יעקב זאגט אם משיצאתה

דקרוב למזיד הוא שהיה לו לחשוב שב"א מצויים ברה"ר תמיד הכא עסקינן באשפה שמצויים ברה"ר לפנות בה בלילה. ואינה עשויה לפנות בה ביום חמכין דמקרי דיתיב בה. ומשום הכי גולה. דלאו פושע הוא ולא אנוס גמור הוא: והוציא הלז את ראשו וקבלה פטור. דכתיב (דברים יט) ומצא את רעהו. פרט לממציא את עצמו: אם יש רשות לניזק. שנתן לו בע"ה רשות ליכנס: מה חטיבת עצים רשות. דאי בעי עייל לחטוב ואי בעי לא עייל: יצא האב הרודה את בנו. דמצוה קא עביד: ג האב גולה ע"י

אם משיצאתה האבן מידו הוציא הלז את ראשו וקבלה הרי זה פטור. זרק את האבן לחצרו והרג. אם יש רשות לניזק ליכנס לשם גולה ואם לאו אינו גולה. שנאמר (דברים יט) ואשר יבא את רעהו ביער. מה היער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם. יצא חצר בעל הבית שאין רשות לניזק (ולמזיק) ליכנס לשם. אבא שאול אומר מה חטיבת עצים רשות. יצא האב המכה את בנו. והרב הרודה את תלמידו. ושליח ב"ד: ג האב גולה ע"י הבן

האבן מידו הוציא הלז את ראשו וקבלה) אוב ווען ער האט געווארפן דעם שטיין איז קיינער נים געווען אויף דעם מיסט. נאר וויא דער שטיין איז ארויס פון זיין האנט האט יענער ארויס געשטעקט זיין קאפ אויף דעם מיסט אונ האט צוא גענומען דעם שטיין אין קאפ אונ איז גיהרגת געווארין (הרי זה פטור) דארף ער נים פאר טריבען ווערין (זרק את האבן לחצרו והרג) אויב ער האט געווארפן אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש (אם יש רשות לניזק ליכנס לשם) אויב דער גיהרגהר האט גימענט אריין גיין אין דעם הויף ע לה) דארף ער פאר טריבען ווערין (ואם לאו) אונ אויב ער האט נים גימענט אריין גיין (אינו גולה) דארף ער נים פאר טריבען ווערין (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ואשר יבא את רעהו ביער) אז ער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואלד (מה היער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם) אזוי וויא אוואלד מעג דארט אריין גיין דער וואס איז גיהרגת געווארין אונ דער וואס האט גיהרגת. דארף פאר טריבען ווערין דער וואס האט גיהרגת (אף כל רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם) אזוי יעדער ארט וואס דארט האט גימענט אריין גיין דער וואס איז גיהרגת געווארין אונ דער וואס האט גיהרגת. דארף אויך פאר טריבען ווערין דער וואס האט גיהרגת (יצא חצר בעל הבית שאין רשות לניזק ליכנס לשם) אבער אהויף וואס געהער צוא אבעל הבית. אונ דער בעל הבית האט געווארפן אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש. וואס דער גיהרגהר האט נים גימענט אריין גיין אין דעם הויף. דארף נים דער בעל הבית פאר טריבען ווערין. אבא שאול זאגט (מה חטיבת עצים רשות) אזוי וויא האלץ האקין איז דאך נים קיין מצוה. נאר אויב דער מענטש וויל האקט ער. אונ אז ער האט גיהאקט האלץ אונ אשטיק האלץ איז אפ גישפרונגען אונ האט גיהרגת אמענטשין. דארף ער פאר טריבען ווערין (אף כל רשות) אזוי יעדער זאך וואס אמענטש טוהט מיט זיין אייגענעם ווילען אונ דער פון ווערט גיהרגת אמענטש בשוגג. דארף ער פארטריבען ווערין (יצא האב המכה את בנו) אויסער אויב אפ טער האט גישלאגין זיין זוהן ער זאל גיין אין גוטען וועג. ער זאל וועלין לערנען תורה אדער טאהן אמלאכה (והרב הרודה את תלמידו) אונ ארבי אז ער שלאגט זיין תלמיד (ושליח בית דין) אונ אז דער שמש פון בית דין האט איינעם גישלאגין מלקות. ביא דיא אלע דרייא. אויב דער זוהן. אדער דער תלמיד. אדער דער וואס מען האט אים גישלאגין מלקות. זענען גישטארבין פון דעם שלאגין. דארף מען נים פאר טריבען ווערין: ג האב

והבן גולה על ידי האב. הכל גולין ע"י ישראל וישראל גולין על ידיהן. חוץ מעל ידי גר תושב. וגר תושב אינו גולה. אלא ע"י גר תושב. הסומא אינו גולה דברי ר' יהודה. ר' מאיר אומר גולה. השונא אינו גולה. ר' יוסי (ברבי יהודה) אומר השונא נהרג מפני שהוא כמועד. ר"ש אומר יש שונא גולה ויש שונא שאינו גולה. זה הכלל כל שהוא יכול לומר לדעת הרג. אינו גולה. ושלא לדעת הרג. הרי זה גולה:

ד להיכן גולין לערי מקלט לשלש

ע"י הבן. כשאב הכהו ללמדו תורה או מוסר או אומנות: הכל גולים ע"י ישראל. ואפילו עבד או כותי: חוץ מע"י גר תושב. שאם הרג בן ישראל בשוגג אינו גולה אלא נהרג: הסומא אינו גולה. דכתיב (במדבר לה) בלא ראות. פרט לסומא: רבי מאיר אומר גולה. בלא ראות לרבות את הסומא ואין הלכה כר"מ: השונא. כל שלא דבר עמו שלשה ימים מחמת איבה ואין הלכה לא כר' יוסי בר' יהודה ולא כרבי שמעון אלא השונא אינו נהרג ואינו נקלט שחזקתו שהוא קרוב למזיד:

ד להיכן גולין לערי מקלט. ומ"ב עיר של לוים נמי כולן קולטות. אלא שאלו הם ערי

---

גולה על ידי הבן) אפאטער ווערט פאר טריבען דורך זיין זוהן. אויב ער האט גישלאגין זיין זוהן וויל צוא תורה לערנען אונ ניט צוא אמלאכה לערנען אונ ניט צוא מוסר. אונ דער זוהן איז גישטארבין אדער דער פאטער האט אים גיהרגת אום גערין ניט דורך שלאגין נאר דורך איין אנדער זאך) ווערט דער פאטער פאר טריבען (והבן גולה על ידי האב) אויב אזוהן הרגת זיין פאטער בשוגג. ווערט ער פאר טריבען (הכל גולין על ידי ישראל) ווער עם הרגת איודין. אפילו אכותי אדער אעבד אדער כנעני אז זייא האבין גיהרגת איודין בשוגג. ווערן זייא פאר טריבען (ישראל גולין על ידיהן) אונ איוד ווערט פר טריבען דורך זייא. אויב איוד האט גיהרגת בשוגג אכותי אדער אעבד כנעני ווערט ער פאר טריבען (חוץ מעל ידי גר תושב) אויסער אגר תושב. אויב איוד הרגת דעם גר תושב. ווערט ער פאר טריבען. אבער אז אגר תושב הרגת איודין. ווערט ער ניט פאר טריבען נאר מען הרגת אים (ועתי"ט ותי"ו) אגר תושב הייסט. אעובד גילולים וואס האט זיך מגייר גיוועזן נאר ער זאל ניט דינען עבודה זרה. אבער אלע מצות פון דיא תורה היט ער ניט. ועיין בהיגוד) (וגר תושב אינו גולה אלא על ידי גר תושב) אויב אגר תושב הרגת אגר תושב בשוגג ווערט ער פאר טריבען (הסומא אינו גולה) אויב אבלינדער האט גיהרגת בשוגג ווערט ער ניט פאר טריבען (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה. רבי מאיר זאגט (גולה) ער ווערט פאר טריבען (השונא אינו גולה) אויב ראובן איז אשונא צוא שמעון. ער האט שוין דרייא טעג ניט גירעט מיט אים דורך דיא שנאה. אונ ראובן האט גיהרגת שמעון בשוגג (אינו גולה) ווערט ניט ראובן פאר טריבען. רבי יוסי בר יהודה זאגט (השונא נהרג) דעם שונא דארף מען הרגנן (מפני שהוא כמועד) ווארום ער האט אים געוויס גיהרגת במזיד מיט פלייס. ניט בשוגג. רבי שמעון זאגט (יש שונא גולה) אמאהל דארף מען דעם שונא פר טרייבין (ויש שונא שאינו גולה) אונ אמאהל דארף מען דעם שונא ניט פאר טרייבין (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שהוא יכול לומר לדעת הרג) אויב מען קען זאגין מען דער קענט אז ער האט אים במזיד גיהרגת (אינו גולה) ווערט ער ניט פאר טריבען (ושלא לדעת הרג) אויב מען דער קענט אז ער האט אים ניט גיהרגת במזיד. נאר בשוגג (הרי זה גולה) ווערט ער פאר טריבען: ד (להיכן גולין) צוא וועלכין ארט ווערט מען פאר טריבען (לערי מקלט) צוא דיא שטעט פון אנטרינונג (לשלש שבעבר הירדן) צוא דיא דרייא שטעט

שבעבר הירדן ושלש שבארץ כנען. שנאמר (במדבר לה) את שלש הערים תתנו מעבר לירדן ואת שלש הערים תתנו בארץ כנען וגו'. עד שלא נבחרו שלש שבא"י. לא היו שלש שבעבר הירדן קולטות. שנאמר (שם) שש ערי מקלט תהיינה. עד שיהיו ששתן קולטות כאחד: ה ומכוונות להן דרכים. מזו לזו. שנאמר (דברים יט) תכין לך הדרך ושלשת וגו'. ומוסרים להן שני תלמידי חכמי' שמא יהרגנו בדרך. וידברו אליו. ר"מ אומר אף הוא מדבר ע"י עצמו. שנאמר (שם) וזה דבר הרוצח:

מקלט בין נכנס שם רוצח לדעת שתקלטנו ובין נכנס שלא לדעת קולטות. והנים ומ"ב עיר נדעת קולטת שלא לדעת אינן קולטות. ואם הרגו גואל הדם נשם פטור: ה ומכוונות להן הדרכים. שהיו עושים הדרכים שיהו מכוונות לערי המקלט שלא יהא הרוצח תועה בדרך. ומקלט מקלט היה כתוב על פרשת דרכים. כדי שיכיר הרוצח ויפנה לשם: וידברו אליו. מדברים לגואל הדם אל תנהוג מנהג של שופכי דמים בשוגג בא מעשה זה לידו: הוא מדבר ע"י עצמו. אין ת"ח מקפידין לדבר לגואל הדם בעבורו אלא הוא שטוען טענת עצמו ואין הלכה כר"מ: ו ואחד

ו ר' יוסי בר' יהודה אומר. בתחלה א' שוגג וא' מזיד מקדימין לערי מקלט וב"ד שולחין ומביאין אותו משם. מי שנתחייב מיתה בב"ד. הרגוהו. ושלא

---

וואס אויף דער זייט ירדן (ושלש שבארץ כנען) אונ צוא דיא דרייא שטעט וואס אין לאנד כנען (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (את שלש הערים תתנו מעבר לירדן) דרייא שטעט זאלט איר געבין אויף דיא זייט ירדן (ואת שלש הערים תתנו בארץ כנען) אונ דרייא שטעט זאלט איר געבין אין לאנד כנען (עד שלא נבררו שלש שבארץ ישראל) איידער מען האט אויס דערוויילט דיא דרייא שטעט אין ארץ ישראל (לא היו שלש שבעבר הירדן קולטות) האבין דיא דרייא שטעט וואס אין עבר הירדן ניט צוא גינומען קיין רוצח (שנאמר) וואורום עס שטייט אין פסוק (שש ערי מקלט תהיינה) עס זאל זיין זעקס ערי מקלט (עד שיהיו ששתן קולטות כאחד) ביז אלע זעקס שטעט מיט איין מאהל זאלין זיין אנגיבויט צוא נעמען דיא רוצחים: ה (ומכוונות להן דרכים מזו לזו) אונ מען האט גימאכט גלייכע וועגין פון איין עיר מקלט צוא דיא אנדערע. אונ פון יעדער שטאט צוא דיא ערי מקלט. דיא וועג זאל ניט גיין קרום. אונ עס זאל ניט זיין אשטרויכלונג. ניט קיין בארג. ניט קיין טאהל. אויף יעדער טייך אבריק (שנאמר) וואורום עס שטייט אין פסוק (תכין לך הדרך ושלשת) דוא זאלסט אנברייטין דיא וועג. אונ זאלסט דיא לאנד צוא טיילין אין דרייא טייל (ומוסרים לו שני תלמידי חכמים) אונ צווייא לומדים גייען מיט אים אין וועג ביז צום עיר מקלט (שמא יהרגנו בדרך) טאמער וועט דער קרוב פון דעם גיהרגת'ן אים הרג'נן אין וועג (וידברו אליו) אונ אויב דער קרוב וועט אים וועלין הרג'נן. זאלין דיא לומדים ריידין צוא דעם קרוב אונ זאלין אים בעטין ער זאל אים ניט הרג'נן. רבי מאיר זאגט (הוא מדבר על עצמו) דער רוצח אליין זאל ריידין פאר זיך (שנאמר) וואורום עס שטייט אין פסוק (וזה דבר הרוצח) דאס זענען דיא רייד פון רוצח: ו רבי יוסי בר יהודה זאגט (בתחלה אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט) דער אנהייב ווערט אזוי געפירט. סיי דער וואס הרג'נט בשוגג אומווערין אונ סי א דער וואס הרג'נט במזיד וגעריןן לויפין אלע אין דיא ערי מקלט (ובית דין שולחין ומביאין אותו משם) אונ בית דין שיקען מען זאל ברייגגען דעם רוצח פון עיר מקלט (מי שנתחייב מיתה בבית דין הרגוהו) וועמען בית דין דארף הרג'נן. הרג'נט מען (ושלא נתחייב

נתחייב מיתה. פט־והו. מי שנתחייב גלות. מחזירין אותו למקומו. שנאמר (במדבר לה) והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו וגו'. אחד משוח בשמן המשחה. וא' המרובה בבגדים. ואחד שעבר ממשיחתו (מחזירין את הרוצח). ר' יהודה אומר. אף משוח מלחמה מחזיר את הרוצח. לפיכך אמותיהן של כהנים מספיקות להן מחיה וכסות כדי שלא יתפללו על בניהם שימותו. משנגמר דינו מת כהן גדול. הרי זה אינו גולה. אם עד שלא נגמר דינו מת כהן גדול ומנו אחר תחתיו. ולאחר מכן נגמר

המרובה בבגדים. לאחר שנגנז צלוחית של שמן המשחה לא היה מתחנך לכהונת כ"ג אלא בלבישת שמונה בגדים: ואחד שעבר ממשיחתו. שאירע קרי לכ"ג ביה"כ ומנו אחר תחתיו במיתת כל אחד מאלו הוא חוזר. אע"פ שהאחר חי דג"פ כ"ג כתיב בפרשה: ר"י אומר אף משוח מלחמה. דקרא אתרינא כתיב (במדבר לה) לשוב לשבת בארץ עד מות הכהן. ורבנן כיון דלא כתיב בהאי קרא הכהן הגדול לא דרשי ליה והלכה כחכמים: שלא יתפללו על בניהם שימותו. והם פשעו שהיה להם לבקש רחמים על דורם שלא יארע בהן תקלה ולא בקשו: משנגמר דינו. לגלות. דמשנגמר דינו ועומד

---

מיתה) אונ ווען מען דארף ניט הרגנן (פטורהו) מאכט מען אים פטור. ער זאל גיין אהיים (מי שנתחייב גלות) ווען מען דארף פאר טרייבן (מחזירין אותו למקומו) הייסט מען אים גיין צו ריק אין דעם עיר מקלט (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (והשיבו אותו העדה אל עיר מקלטו) בית דין זאלין אים צו ריק קערין אין דעם עיר מקלט (אחד משוח בשמן המשחה) סייא דער כהן גדול וואס איז גיזאלבט גיווארן מיט דיא הייליגע בוימאיל (ואחד המרובה בבגדים) אונ סייא דער כהן גדול וואס איז ניט גיזאלבט גיווארן מיט דיא בוימאייל ודער נאך וויא דיא בוימאייל פון בית המקדש איז בעהאלטין גיווארין. נאר ער איז גיווארין אכהן גדול דורך דיא אכט קליידער (ואחד שעבר ממשיחתו) אונ סיי דער וואס איז גיוועזן אכהן גדול. אונ איצט איז ער שוין ניט קיין כהן גדול. ואויב דער כהן גדול איז קראנק גיווארין אונ האט ניט גיקענט טאהן דיא עבודה יום כפור ועיין בהרע"ב ותוי"ט) האט מען גימאכט איין אנדער כהן גדול. דער נאך אז דער כהן גדול ווערט גיזונד. איז ער ווייטער כהן גדול אזוי וויא ער איז גיוועזן. אונ דער אנדערער הייסט אגיוועזענר כהן גדול) אויב איינער פון זייא שטארבט (מחזירין את הרוצח) גייט דער רוצח וואס האט גיהרגת בשוגג) צוריק אהיים. רבי יהודה זאגט (אף משוח מלחמה) אויב דער כהן וואס איז גיזאלבט גיווארין צו גיין אין דיא מלחמה אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שופטים) איז גישטארבין (מחזיר את הרוצח) גייט אויך דער רוצח צוריק אהיים (לפיכך אמותיהן של כהנים) דריבער פלעגין דיא מוטערס פון דיא כהנים ודיא מוטער פון כהן גדול. אונ דיא מוטער פון גיוועזענעם כהן גדול. אונ דיא מוטער פון כהן משוח מלחמה) (מספקות להן מחיה וכסות) געבין צו די רוצחים עסין אונ קליידער (כדי שלא יתפללו על בניהם שימותו) דיא רוצחים זאלין ניט מתפלל זיין אויף זייערע קינדער זייא זאלין שטארבין (משנגמר דינו) וויא בית דין האט גיפסקנת דעם דין פון דעם רוצח ער זאל פאר טריבען ווערין. אונ אידער ער איז פאר טריבען גיווארין (מת כהן גדול) איז דער כהן גדול גישטארבין (הרי זה אינו גולה) ווערט ער ניט פאר טריבען (אם עד שלא נגמר דינו מת כהן גדול) אויב דער כהן גדול איז גישטארבין אידער בית דין האט גיפסקנת דעם דין ער זאל פאר טריבען ווערין (ומינו אחר תחתיו) אונ מען האט גימאכט איין אנדער כהן גדול (ולאחר מכן נגמר דינו) דער נאך האט בית דין גיפסקנת זיין דין ער זאל פאר טריבען ווערין (חוזר במיתתו של שני

